STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07830

MAYN ALEFBEYS

Deborah Tarant

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוואירע טאַראַנט

מײַן אַלעפּבײס

לייענבוך פאַר אָנפאַנגער

ערשטע אויפלאַגע

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1937.

Copyright by the
Cooperative Book League *of the* Jewish Section
of the International Workers Order
80 Fifth Avenue, New York, N. Y.
September, 1937
209

געדרוקט אין 5,000 עקזעמפלארן

ש ל

ש ל



קינדער, קינדער,
פול און פול,
פול מיט קינדער
איז די **שול**.

שול שול
פול פול

קוק: אַ . . . . .



קוק קוק

אַ קַ

ק ק

אַקַ

ט ט



י י

שול איז אָפן,
פענצטער, **טיר**,
און דער לערער
וואַרט אַף **דיר**!

פאַל	טיש	טיר	רוק
פול	טאַש	דיר	קוק

אַ	י	ו
פ_	ט_ר	פ_ל
פ_	ט_פ	פ_ל
ט_פ		ק-ק

ד ד



אַ טיש



אַ טיר



אַ דיל

ר ר

אָט איז אַ **טיר,**

אָט איז אַ **טיש,**

ריר אָן דעם טיש,

ריר אָן די **טיר.**

שרײַב אַראָפּ:

טיר טיש פיר פיש דיל

שול פול רוק קוק קו

אַ אַש שאַ פאַר

פּ ע

פּ ע

עפּעלע, האָפּ!

עפּעלע, האָפּ!

עפּעלע, עפּעלע,

פאַל אַראָפּ!

שרייב אַריין ע:

_פּל, ק_פּל

_פּ_ל, ק_פּ_ל_

עפּעלע, עפּל, עפּעלע, עפּל

מ א

פּאַפּאַ

דאָס איז **פּאַפּאַ**

מאַמע

דאָס איז **מאַמע**


עמאַ מאַשע

דאָס זיינען

מאַשע און **עמאַ**

פּאַפּאַ גייט אין **שאַפּ**

מאַשע און **עמאַ** גייען אין **שול**

פּאַפּאַ, מאַמע, מאַלע, מאַשע,

עמאַ. שאַפּ. שול.

גיט זיך די טיר אַן עפֿן,
גיט די טיר אַ קלאַפּ.
מאַמע, דאָס איז פּאַפּאַ!
פּאַפּאַ פֿון דעם שאַפּ!

שרייב אַריין: פּ:

_אַ_אַ, שאַ_, ע_ל, קע_ל.

שרייב אַריין: מ:

_אַשע, _אַלע, _אַ_ע, ע_אַ.

קענסטו לייענען?



שאַפע
שאַפּ



פּאַפּאַ
שאַפּ

מאַמע
מאַשע



עטל
עפּל



טיש
פּיש



טיר
פּיר



קער
שער



קו
קוק



דיר
טיר

שטעל אַ צייכן לעבן יעדן וואָרט, וואָס פּאַסט זיך צום בילדל.

מ ם

א ם



קום צו דעם טאַטן,
פאַל ניט, קינד!
קום צו דער מאַמען,
נעם מיך אַרום!

א אָדער ם:

קו_ צו _יר.

_אַ_ע נע_ _יך אַרו_.

ט מ



ט מ

פּאַפּאַ, שפּיל **מיט** מיר, זאָגט **מערי**.

דער **טאַטע** שפּילט מיט מערין.

די **מאַמע** לערנט מערין.

שנעל געטראַכט און גוט געמאַכט:

מאַך פון **טעפּל** ______

מאַך פון **עטל** ______

מאַך פון **טעפּל** ______

טאַטע, עטל, מערי, שפּילט

נ ן

לאַלי **נעמט** אַ אין שול.

לאַלי, **לערן**, זאָגט דער לערער.

לאַלי **לערנט ניט**, לאַלי **נאַשט**.

נאַש ניט, לאַלי!

נ אָבער ן?

מיר שפּיל_.

מערי _אַשט.

א קי_ד לער_ט

עטל לער_ט _יט.

ז ? ן

ן זאָגט צו ז :
איך בין ווי דו!

זאָגט ז צו ן :
לאָמיר טאַקע זען!

זאָגט ז : איך בין הויך,

זאָגט ן : איך בין לאַנג.

ו אָדער ן ?

ר_ק ניט פּעם שט_ל

ק_ק אַל ר_טי_.

עפ_ פי טיר.

איך   אין   און



איך און דו,
און זי און ער,
דעמאָלט איז
קיין זאַך ניט שווער!

לערער און קינדער לערנען.
מערי און רות לערנען אין שול

שטעל אַריין:

איך . אין.
_ שפּיל.
לערן — שול

אַ אידישע שול

איך בין אַ **אידיש** קינד.

מיין טאַטע און מאַמע זיינען **אידן**.

איך לערן **אידיש** אין דער **אידישער** שול.

איך רעד **אידיש**.

ווי הויך קענסטו גיין?



אַ אָ



אַ אָ

אָט איז אַ פּענצטער,
און אָט איז אַ טיר,
אַ הייזעלע בוי איך
פֿאַר דיר און פֿאַר מיר!

שטעל צו די נומערן פון די ריכטיקע ווערטער צו די בילדלעך:

______ 1. קאָפּ

______ 2. קנאָפּ

______ 3. טאָפּ

שרייב אַריין:

אָ: א_ט, פּ_ר, פּ_ר.

אַ: פּ_ר, פּ_ן, ט_פּ.

לאָמיר טרעפֿן



קוק אַפֿן בילד און אַף זיין נומער.

קוק אַפֿן וואָרט מיט דעמזעלבן נומער.

שרייב צו צו יעדן געדרוקטן וואָרט דאָס ריכטיקע געשריבענע וואָרט.

1. פֿיש ______ 5. טרעפּ ______

2. ראָד ______ 6. שטול ______

3. שער ______ 7. פֿידל ______

4. עק ______ 8. פֿלאַש ______

ס ס

דער טאַטע קומט פֿון שאַפּ,

די קינדער קומען פֿון שול.

די מאַמע גיט אַלעמען **עסן**.

עס, טאַטע.

עסט, קינדער.

אַלע עסן.



שרייב אַריין: ס:

אָט איך רוטי_ טישל,

אָט איך _עמי_ שי_ל,

אָט איך _ערע_ פישל.

אָט איך _אַלי_ ני_ל!

דאָס איז מאַשעם ________

דאָס איז עטלם ________

דאָס איז מאַלים ________

דאָס איז סעמים ________

אָט איז אַ פֿיש.

און אָט איז אַ ____

אָט איז א 4 .

און אָט איז אַ ____

אָט איז אַ קאָפּ

און אט איז אַ ____

(בייט דעם ערשטן בוכשטאַב אויף „ט")

װ װ

די מאַמע **װאַשט** װעש,
טילי העלפֿט אַרױס.
טילי אַף אַ שטול,
איז **װי** מאַמע גרױס.

װעש, װעש, װעש,
װאַשט די מאַמע ריין.
טילי לאָזט ניט מאַמען
אַרבעטן אַליין.

װאַש װעש װאַשן

שרײַב אַרײַן: װ:

איך _אַש _עש.

ווען ווערט פון ווינט אַ וואַנט ?

ווען ווערט פון וואַנט אַ וואַלד ?

ווען ווערט פון פיש - וויש ?

ווען ווערט פון מעק - ___ ?

ווען ווערט פון מער - ___ ?

ווען ווערט פון מעל - ___ ?

איך קען שוין די בוכשטאַבן :

וו	ז	נ	ס	ד	מ	ר	ט	ק	ל	פֿ	פּ	ש
וו	ז	נ	ס	ד	מ	ר	ט	ק	ל	פֿ	פּ	ש

לאָמיר טרעפֿן:



1. מאַשע עסט אַן עפּל
2. מאַלע שערט פּאַפּיר
3. סעמי מאָלט אַ שול
4. סאַלי מאָלט אַ טיר

שטעל אַריין די ריכטיקע נומערן אין די בילדעלעך.

קוק זיך צו:

ס	ם
פּוס ______	נעם ______
נוס ______	דעם ______
נאַס ______	סעם ______

שרייב צו געשריבענע ווערטער צו די געדרוקטע.

ב ה



בעניס הונט הייסט **באַב.**

בעני האָט ליב דעם הונט באַב.

אַלע קינדער פון **בלאַק**

שפּילן זיך מיט באַבן.

ב אָדער ה ?

_ען _אָנק לי_ עפּל.

_יל _אָנק לי_ _אַרן.

באָס	בער	באַר	בלאַק
באַל	בען	באַק	בליק

אָט איז אַ

און אָט איז אַ

אָט איז אַ

און אָט איז אַ

שרייב אריין: ה

די באָבע _אָט אַ _ון.

איך _אָב 2 _ענט.

די מאַמע _אָט אַ _וט,

סאַלי _אָט אַ _יטל.

ווען בילט דער „ה״?
ווען קרייט דער „ה״?
ווען לייגט דער „ה״ אַן איי?

הונט האָן הון

פּ אָדער פ?

שטעל אריין די פּינטעלעך, וואו מען דאַרף.

איך האָב אַ פּאָר פיס.

פּאַפּאַ, גיב מיר אַ פּעני.

פּעני קלעפּט פּאַפּיר.

אָט איז אַ פּוסטע פלאַש.

דער לעפל איז אין טעפּל.

פערד פאַלט אַף די טרעפּ.

אין שאַפע איז דאָ אַן עפּל.

?

ווען איז דער פּ אין דער לופטן? ______________________

ווען איז דער פּ אויסגעצויגן? ______________________

ווען איז דער פּ ביטער? ______________________

ווען איז דער פּ אַ טאַטע? ______________________

ווען איז דער פּ געלט? ______________________

ווען איז דער פּ שווער? ______________________

פּאַפּאַ, פּאַלט, פּאַק, פּליט, פּעני, פּעפּער.

ג ג

אין גאַס

די קינדער קומען פון סקול, עסן אָפּ
און גייען אין גאַס זיך שפּילן.
גיטל האָט ליב צו שפּרינגען איבער אַ שטריקל.
הערי און מענדי שפּילן באָל.
די קינדע שפּילן זיך אין גאַס.

שטעל אַריין: ג:

דער גלאָק קלינגט.
גיב מיר אַן עפּל.
געלע בלעטער פֿאַלן.
וויפֿיל געלט קריג איך?

קוק זיך צו:

נ **ג**

נאַס **נאָר**

גאַס **גאָר**

אַלע קינדער לערנען גוט.
נאָר די קליינע גיטל וויל ניט לערנען.

אין גאַס איז היינט נאַס. עס רעגנט.
קינדער, שפּילט היינט ניט אין גאַס.

נעלי שפּילט באַל.

מיר האָבן געסט.
אַ פויגל מאַכט אַ נעסט.

שרייב דאָ ווערטער מיט ג	שרייב דאָ ווערטער מיט נ
גאַס	**נאַס**

גיב אַ קוק און גיב אַ קלער,
שטעל 1 צייכן און ניט מער.

___לעק ___גלעט ___פור ___גלאָק

___קער ___געלט ___פיר ___גליק



___נאַש ___גאָפּל ___וויל ___קריג

___וואַש ___גלאַט ___מיל ___פליג



___פוס ___סעמי ___רים ___פאַן

___נוס ___סימע ___פיס ___פאָן

ז  ז

זעג	העמע ל	הובל

זעגעלע

מיטן זעגעלע: זעג, זעג, זעג,
מיטן העמערל: קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּ!
מיטן הובעלע: הוב, הוב, הוב!
בויען קינדער זיך אַ שטוב.

פּאַטשן הענטלעך: פּאַטש, פּאַטש, פּאַטש!
טופּען פיסלעך: טופּ, טופּ, טופּ!
פּאַטשן הענטלעך, טופּען פיס:
אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס!

שרייב אריין ז:

_אָל קומען דער _ומער
גיב מיר די _אַכן.
[illegible] _וי _ײַ _אַק

ג אָדער ז ?



– זאָג   – גיס   – זײ   – ליג

– זעג   – זיס   – גײ   – היז

ג אָדער ז ?

גײ אין _אַס.

זאָ_ מיר עפּעס.

ראָ_ע אוי_ אין _אַס.

עס _יסט אַ רע_ן.

שנעל געזאָגט — ניט געלאַכט :

זישע עסט זיסע זאַכן !

אַרבעט

אַרבעט, קינדער,
אַרבעט גוט!

ווער עס אַרבעט,
דעם איז גוט!

שטולן, טישן,
הייזער, ווענט...

זאָלן זיין
געזונט די הענט!

דער אַרבעטער — 1 אַרבעט אין דער היים.
די מאַמע — 2. אַרבעטן אין שול.
דער פֿאַרמער — 3. אַרבעט אין פֿעלד.
די קינדער — 4. אַרבעט אין שאַפּ.

(שטעל אַריין די ריכטיקע נומערן אין די שטריכעלעך)

אַ פאַרם

ריווקע און בערל זיינען געווען באַם אָנקל צו גאַסט. דער אָנקל איז אַ פאַרמער.



ער האָט אַ קו, אַ פערד, אַ הונט און אַ סאַך הינער און הענער.

בערל און ריווקע האָבן געזען ווי די טאַנטע מעלקט די קו און ווי דער אָנקל אַקערט דאָס פעלד.

בערל האָט זיך געשפּילט מיט דעם הונט.

ריווקע האָט געגעבן עסן די הינער און די הענער.

ביסטו אַמאָל געווען אויף אַ פאַרם?

וואָס האָסטו דאָרט געזען?

וואָס האָסטו דאָרט געטאָן?

מיכל

מיכל! מיכל! וואוהין לויפסטו?
מיכל! מיכל! זאָג, וואָס קויפסטו?

איך לויף קויפן מיר אַ טיכל,
וואָס סע ווישט דאָס פּאָנים ריין.
איך לויף קויפן מיר אַ ביכל,
וואָס סע לערנט זיך אַליין.
איך לויף קויפן מיר אַ שיכל,
וואָס סע טראָגט אַף מיילן ווייט.
איך לויף קויפן מיר אַ קיכל,
וואָס מאַכט זאַט אי מיך אי לייט!

שרייב אַריין: כ:

מי_ל, טי_ל, שי_ל, בי_ל, קי_ל,
_אַף פּעץ בקול.

לאָמיר טרעפֿן!



1. כאַנע לאַכט.

2. איצט איז נאַכט.

3 די מאַמע קאָכט.

4. דאָס קינד קריכט

5. עס איז שוין אַכט

6. ראָדע כאַפּט.

שטעל אַריין אין די קעסטעלעך די ריכטיקע נומערן פון די זאַצן.



אַ שוסטער

מיין טאַטע אַרבעט
שווער און גיך.
ער איז אַ שוסטער,
מאַכט ער שיך.

אַ גוטער שוסטער
איז מיין טאַטע,
טראָג איך שיך
פול מיט לאַטעס.

מיין טאַטע אַרבעט
שווער און גיך,
נאָר איך דאַרף טראָגן
אַלטע שיך.

אַ שוך	אַ פּאָר שיך

אַלע לאַכן!

אין דער אידישער קינדער שול.

הערי, כאַנע און כאַיעם קענען ניט זאָגן כ.

הערי, זאָג: כאַפּ! זאָגט הערי: האַפּ!

כאַנע, זאָג: קיך! זאָגט כאַנע: קיק!

כאַיעם, זאָג: נאַכט! זאָגט כאַיעם: נאַקט!

אַלע קינדער לאַכן: .כאַ, כאַ, כאַ!

הערי, כאַנע און כאַיעם האָבן געוואָלט גוט רעדן אידיש,

האָבן זיי זיך שנעל אויסגעלערנט זאָגן: כ.

כ-ק ?

דער שוסטער מאַ_ט אַ פּאָר שי_ .

אַנע, ברענג מיר אַ פֿלאַש מיל .

אָנע, נעם דאָס בי אין שול.

ב אָדער כ?   ד אָדער ך?

—בוך
—שוך

—כאַפּ
—באַק

—קאָד
—ראָד



—באַן
—כאַנע

—מילד
—מילך

—דאַך
—דאַר

איך קען שוין די בוכשטאַבן:

ט	פּ	פֿ	ל	ש	ס	ם	מ	ן	נ	ז	ג	ה	ד	כ	ב
ט	פּ	פֿ	ל	ש	ס	ם	מ	ן	נ	ז	ג	ה	ד	כ	ב

ו	י	ע	אָ	אַ
ו	י	ע	אָ	אַ

ק	ר	ד	װ
ק	ר	ד	װ

ניי, ניי, ניי,
רעדל, טו אַ דריי,
מיטן האַנט און מיטן פוס
רעדל, דריי און ניי!

היי, היי, היי,
נאָדל שטעפּ און ניי,
וואַרטן קינדערלעך אַף ברויט,
נאָדל שטעפּ און ניי!

ניי	זיידע
היי	זייער
זיי	זייגער
גיי	שטיי



די מאַמע נייט זייער גוט. זי קען נייען מיט דער האַנט און אױף דער ניי-מאַשין. זי נייט שיינע קליידער פאַר די קינדער.

די קליינע פריידעלע וויל נייען אַ קליידל פאַר איר ליאַלקע.

זאָגט די מאַמע: נאַ דיר אַ נאָדל און פאָדעם, פריידעלע. איך וועל דיך לערנען נייען.

דער זיידע איז —	1. גייען אין פּאַרק.
עסטער —	2. מיט אַ נאָדל.
פריידעלע —	3. זייער אַלט.
קינדער —	4. לערנט אידיש.
די מאַמע נייט —	5. נייט אַ קליידעלע,

אַ פייער



עס ברענט! עס ברענט!

גיכער, גיט דעם פייער-סיגנאַל!

אָט קומען די פייער-לעשער!

זיי קומען מיט זייער וואָגן.

זיי פאָרן זייער שנעל.

די פייער-לעשער לעשן דאָס פייער.

ײַ אָדער ײ

פייער	רייב	פיין
טייער	קלייב	זיין
רייטער	שנייד	מיין
שרייבער	שרייב	דיין

ריין	קריי
שיין	שטיי
שטיין	לייג
פלייש	ניין
גרייט	גיין

שרייב דאָ אַלע ווערטער מיט ײַ

פײַער

שרייב דאָ אַלע ווערטער מיט ײ

לײג

דער האַרבסט

דער ליבער זומער איז אַוועק.

עס איז געקומען דער האַרבסט.

די בלעטער ווערן געל און פֿאַלן אַראָפּ פֿון דיביימער.

די פֿייגל פֿליען אַוועק אין די וואַרעמע לענדער.

קינדער דאַרפֿן אָנטאָן וואַרעמע קליידער.

פֿון 1 מאַך 2 :

1	שער	2	שערן.
1	טיש	2	___
1	טיר	2	___
1	שול	2	___

שנעל געטראַכט און גוט געמאַכט!

קוק זיך צו:

מאַלע — אַלע

וואַש — אַש

איצט מאַך אַליין:

1. **נאַכט** ____________
2. **פליג** ____________
3. **פערד** ____________
4. **פרעד** ____________
5. **פאַלט** ____________
6. **קעפל** ____________
7. **קלערן** ____________
8. **פעקל** ____________
9. **בעטל** ____________
10. **גלאַטע** ____________

איך האָב געטראָפן ____
☐ ווערטער.



אַ כאָלעם

מאַמע: בערל, גיי שלאָפן!

בערל: איך גיי, מאַמע!

מאַמע: וואָס נעמסטו עפּעס אַ לעפל?

בערל: פאַר דער זופּ, מאַמע!

מאַמע: אין בעט עסט מען ניט קיין זופּ, בערל.

בערל: נעכטן האָט זיך מיר געכאָלעמט אַ טעלער זופּ, האָב איך ניט געהאַט קיין לעפל, דערפאַר נעם איך היינט אַ לעפל.

דערקלער וואָס דו זעסט.

אָך, ווי שווער! מען מוז עפּעס טאָן! איצט גייט עס אַליין!

גרויס	קלענער	גאָר קליין
אַ שוך	אַ שיכל	אַ שיכעלע
		
אַ טיש		
		
אַ שער		
אַ קלייד		

דער זייגער האָט געשלאָגן נײַן.

די עלטערע קינדער זײַנען אַוועק אין סקול.

— קלינג, קלאַנג — קלינגט דאָס גלעקל.

די קלײנע אײדע עפנט די טיר.

עס קומט אַרײַן דער פאַרמער.

— גוט מאָרגן — זאָגט דער פאַרמער,

— איך האָב אײַך געבראַכט פרישע אייער.

— אַ שײנעם דאַנק אײַך — ענטפערט די קלײנע אײדע.

איך האָב זייער ליב אַ פריש איי.

איי

אייער



אַ הויז

פּיוול מאָלט אַ הויז —
רויט און גרין און בלוי.
אין דעם הויז די שול
באַלד איז פאַרטיק שוין.
אַ שיינע גרויסע שול
באַ פּיוולען אַפן בילד!
אַף דער שול מאָלט פּיוול
אָט אַזאַ מין שילד:

אידישע אַרבעטער
קינדער שול



אַ בערשטל   פֿאַרבן   אַ בלייפֿעדער

מאָל איך מיט מיין בערשטעלע,
מיש איך פֿאַרבן אויס.
אָט האָב איך דאָ אויסגעמאָלן
אַזאַ שיין הויז.

מיש איך בלויע פֿאַרב מיט געל,
ווערט אַ טיפֿער גרין,
פֿאַרב איך אָפּ מיין שטיבעלע,
שמיר אַהער, אַהין.

או זאָפער וי?

א_ך וויל _ך אַ שטיקל ב_ר_ט.

איך בין אַז_ גר_ס ווי דו.

או_בן אַופן ב_ם איז דאָ אַ נעסט

פֿון אַ פ_גל.

דער קליינער שניידער

טאַטע איז אַ שניידער,
שניידט ער מיט דער שער,
וויל איך ווי מיין טאַטע זיין,
אַ שניידער, פּונקט ווי ער.

נעם איך טאַטנס שער פון טיש,
ווי מיין האַנט די גרויס,
שנייד איך פון פּאַפּירעלעך
אַ רעקעלע מיר אויס.

נעם איך טאַטנס נעדעלע,
פעדים מיר עס איין,
ניי און שטעך דאָס נעדעלע
אין פינגערל אַריין.

גייט מיר בלוט פון פינגערל,
און שמירט מיין אַרבעט איין,
זאָגט דער טאַטע, אַז איך וועל
אַ גוטער שניידער זיין . . .

!געכאַפּט

בעני: איך האָב געכאַפּט אַ בער!

דעני: טאָ פיר אים אַהער!

בעני: ער גייט ניט!

דעני: טאָ קום אַליין!

בעני: ער לאָזט ניט!

לערן זיך לייענען לאַנגע ווערטער:

געשפּילט און געלאַכט,

געלערנט און ________

געזוכט און געפונען,

געגאַנגען און ________

געגאַנגען און געזונגען,

געשפּילט און ________

שטעל אריין: געטראַכט, געקומען, געשפּרונגען.

צ ץ

קעצל און הינטל

מיזל, מיזל, מאַזל,
קראַנק איז אונדזער קאַץ.
ברענגט איר אונדזער הינטל
מילך אַף אַ טאַץ.

וויינט און וויינט דאָס קעצעלע:
אוי, אוי, אוי, איר קאָפּ.
און דאָס גוטע הינטעלע
טרעט פון איר ניט אָפּ.

ביז דאָס קראַנקע קעצעלע
ווערט צוריק געזונט —
פרייען זיך און דרייען זיך
דאָס קעצל מיטן הונט.

קעצל קעצל קאַץ קאַץ

די באָבע צירל

די באָבע צירל
איז אַריין אין איר דירל
צו געבן איר הונט אַ ביין.



זוכט זי אין שאַנק
און אונטער דער באַנק,
נאָר קיין ביין איז דאָרט
ניט צו זען.

גייט זי צום פישער
צו קויפן אים פיש,
קומט זי צוריק —
דער הונט טאַנצט
אַפן טיש.



גייט זי אין קיך,
ברענגען עסן אַף אַ טאַץ,
קומט זי צוריק —
דער הונט שטיפט מיט
דער קאַץ.

די בעקער

ווען מיר שלאָפֿן
אין די בעטן,
שטייען בעקער
און זיי קנעטן.

ווען מיר ליגן
אַף די קישנס,
שטייען בעקער
און זיי מישן.

און פֿאַרטאָג,
ווען הימל גרויט,
איז שוין גרייט
דאָס פֿרישע ברויט!

די בעקער באַקן :

זאָג שנעל :
בערקעס באָבע באַקט ברוין ברויט.

יאַ יאָ יע יו

אַפן יאַם

יאַנקל און זיין שוועסטער, סאָרע, זיינען געפאָרן אַפן יאַם. זיי זיינען נאָך געווען גאָר יונג — יאַנקל זיבן יאָר אַלט און סאָרעלע — זעקס יאָר.

עס איז געווען זייער שיין צו פאָרן איבערן יאַם. ווען עס איז געווען אַ שיין וועטער, איז דער יאַם געווען שטיל, און די קינדער האָבן זיך געשפילט אַפן דעק.

איינמאָל איז געוואָרן אַ שטאַרקער ווינט. דער יאַם איז געוואָרן בייז. די שיף האָט זיך געוויגט, און די קינדער האָבן זיך ניט געקאָנט שפילן אַפן דעק.



הוידלקע

הוידע, הוידע, הוידלקע,
פיסלעך אין דער הויך.
ווייסע, קליינע טייבעלעך
פליען אין דער הויך.

העכער, העכער, הוידלקע,
באַלד איז שוין דער הימל.
נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל
ריר איך אָן דעם הימל.

הוידע הוידלקע

פּ ף

פ ף



יאַם איז טיף,
יאַם איז טיף,
פֿאָרן מענטשן אױף אַ שיף.
פֿאָרן שיפֿן נאָכאַנאַנד
אין אַ לאַנד
און פֿון אַ לאַנד.

פ אָפּער ף?
או_ן טיש ליגן _נ_ לע_ל.
_״װל רו_ פּעם טאַטן.
שלאָ_ געפֿינט, אײן קינד.
פֿער װאָל_ איף אין װאַלד.

זאָג שנעל:
פֿינף פֿלינקע פֿישער פֿאַנגען פֿינף פֿיש

פּ אָדער ף?

אַרויף	טאָפּ	האָפּ
אַראָפּ	טיף	האָף

קויף	טרעפּ	אָפּ
קאָפּ	טרעף	אַף

פּ אָדער ף

איך גיי אַ_ טרע_.

טרע_ וואָס איך וויל זאָגן?

הויב אוי_ פֿון קאָ_.

קוי_ מיר אַ שפּילעכל.

קאַרוסעלן

רונדאַ, רונדאַ, רונד אַרום
אַף די קאַרוסעלן
יאַנקל-באַנקל בול-בול-בול
הערט ניט אויף צו קוועלן.

אַ פּוס אַהער, אַ פּוס אַהין
און דאָס פערד אינמיטן,
יאַנקל-באַנקל פייער-פלאַם,
אַז רייטן איז געריטן.

ראָד אַריין און ראָד אַרויס,
אַוש דער קאָפּ פאַרדרייט זיך,
יאַנקל-באַנקל יאָגט זיין פערד,
יאָגט זיין פערד און פרייט זיך.

ווער בין איך?

טראָגט די ———
רויטע שיך.
שווימט זי, שווימט זי
ווי אַ שיף.


קאַטשקע

טראָגט דער ———
אַ רויטן קאַם,
רויטער נאָך
פון פייער-פלאַם.


האָן

די ——— האָט
פוטערנע קליידער.
איז איר ווינטער
וואַרעם קעסיידער.


קאַץ

——— ———
לאַנגע נאָז,
בלאָזט זיך ווי אַ
זייפן-בלאָז.


אינדיק

שטעל אַריין די ריכטיקע נעמען אין די שורעס.

איך האָב געטראָפן ——— ווערטער.



ער קען ניט

מאַמע: בערל, פֿאַרמאַך די טיר.
בערל: איך קען ניט, מאַמע.
מאַמע: טו אַ דריי דאָס הענטל, וועט זיך פֿאַרמאַכן.
בערל: איך דריי, אָבער עס פֿאַרמאַכט זיך ניט.
מאַמע: טו אַ דריי דאָס הענטל אַ ביסל שטאַרקער.
בערל: איך קען ניט דרייען שטאַרקער מיין הענטל, עס טוט מיר וויי!

טרעף, ווען ווערט:

פֿון קעז—זעק, פֿון לאָז—זאָל,
און פֿון קעפּ ———. און פֿון לאָם ———.
פֿון שאַ—אַש, פֿון ליפּ—פּיל,
און פֿון שאַט ———. און פֿון ליד ———.



די קליינע קעכן

ברײַנדל האָט געלערנט קאָכן
גאַנצע אַכצן וואָכן.
האָט זי אין די אַכצן וואָכן
זיך אויסגעלערנט מילך צו קאָכן.

שטעלט זי צו אַ טעפּל
און איז אײַנגעשלאָפן.
איז די מילך פון טעפּל
אינגאַנצן אויסגעלאָפן!

זופּ קאָכט מען אין אַ ______

פלייש בראָט מען אין אַ ______

מילך טרינקט מען פון אַ ______

(גלאָז, טעפּל, פּענדל)

ווער בין איך?

בעקער

______, ______, באַק אַ בייגל,
באַק אַ קוכן, באַק אַ טייגל
באַק אַ ברויטל, באַק אַ זעמל
און פאַרקויף דערנאָך אין קרעמל.

שוסטער

______, ______, נייסט אונדז שיך,
האָסטו אַ פּאָר שיך פאַר זיך?
— ניין, איך האָב פאַר זיך קיין צייט,
ווייל איך ניי פאַר פרעמדע לייט.


[illegible]

______, ______, אַרבעטסט שווער
מיט דיין נאָדל, מיט דיין שער.
מאַכסט אונדז וואַרעם, מאַכסט אונדז שיין,
האָסט אַ קלייד פאַר זיך אַליין?

סטאָליער

______, ______, קום און מאַך
טיש און בענקעלעך אַסאַך!
______, ______, זעג און האַק
טראָגסט באַהאַלטן אין אַ זאַק.

שטעל אַריין ווערטער אין די שטריכעלעך.

וואָס טוט דער טאַטע?

אַ אינגעלע איז געקומען צום ערשטן מאָל אין דער אידישער שול. האָט דער לערער בײַ אים געפרעגט:

— וואָס איז דײַן נאָמען, אינגעלע?

— הערשל.

— ווי אַלט ביסטו?

— זיבן יאָר.

— וואָס איז דײַן טאַטע?

— מײַן טאַטע איז קראַנק.

— נײַן, ניט דאָס מײן איך. איך וויל וויסן, וואָס טוט דײַן טאַטע?

— ער הוסט.

— נײַן, ניט דאָס מײן איך. איך וויל וויסן, וואָס טוט דײַן טאַטע, ווען ער איז געזונט?

— ווען ער איז געזונט, הוסט ער ניט.

— דו פאַרשטייסט נאָך אַלץ ניט: וואָס טוט דײַן טאַטע, ווען ער איז ניט קראַנק און ווען ער הוסט ניט?

— דאַן טוט ער זיך אָן און גייט צו דער אַרבעט.

מײַן טאַטע איז אַ ____________

ער מאַכט ____________

מײַן טאַטנס נאָמען איז ____________

מײַן מאַמעס נאָמען איז ____________

פֿאַרנאַכט	פֿרימאָרגן

פֿון פֿרימאָרגן ביז פֿאַרנאַכט
אַרבעט טאַטע אין פֿאַבריק.
טאַטע איז פֿאַרמאַטערט, מיד,
ווען ער קומט אַהיים צוריק.

מאַמע אַרבעט אינדערהיים,
קאָכט און וואַשט און מאַכט אַלץ ריין.
העלף איך מאַמען אַלעמאָל,
שווער פֿאַר מאַמען טאָן אַליין.

אינדערהיים	אַהיים

מײַן טאַטע פֿערט אַוועק	2	1. פֿאַרנאַכט.
ער קומט צוריק	1	2. אין דער פֿרי.
מײַן טאַטע אַרבעט אין	4	3. אינדערהיים
מײַן מאַמע אַרבעט	3	4. פֿאַבריק.

אָן אַ נעזל



ווען קינדער טרינקען מילך
פון אַ גרויסער גלאָז,
וואַקסן זיי געזונט,
מיט אַ שיינער נאָז.

ווען קינדער טרינקען מילך
פון אַ קלענער גלעזל,
וואַקסן זיי
מיט אַ קלענער נעזל.

ווען קינדער טרינקען נישט
קיין מילך
פון קיין גלאָז,
און ניט פון קיין גלעזל —

זיינען זיי גרינגער
פון אַ גרעזל,
און זיי בלייבן
אָן אַ נעזל.

מאָטל גייט אין דער אידישער שול

מאָטל איז געקומען אַהיים פון סקול. זעט ער אַפן טיש אַ בריוול. פרעגט ער בײַ דער מאַמען:

— פון וועמען איז דער בריוו?

— פון דיין זיידן — זאָגט די מאַמע.

— וואָס שרייבט ער?

— לייען איבער, וועסטו וויסן.

— ס'איז געשריבן אין אידיש, איך קען עס ניט לייענען.

— שאַ — זאָגט די מאַמע. — שריי ניט אַזוי, מענטשן וועלן הערן. ס'איז ניט שיין.

— וואָס איז ניט שיין? — פרעגט מאָטל.

— אַז אַ אידיש קינד קען ניט לייענען קיין אידיש.

— וואָס בין איך שולדיק? — זאָגט מאָטל. — אין סקול לערנט מען ניט קיין אידיש.

— טאָ גיי אין דער אידישער שול, וועסטו קענען לייענען און שרייבן אידיש.

איז טאַקע מאָטל אַוועק אין דער אידישער שול און האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן שיינע בריוועלעך צום זיידן.

אָט איז מאָטלס בריוו:

מיין טייערער זיידע:

איך לערן זיך אידיש ____________________

(פאַרענדיק מאָטלס בריוו.)

אונדז	אונדזער

שול ליד

לאָמיר קינדער זינגען פרײַ,
אונדזער שול איז פריש און נײַ.
אונדזער, אונדזער, אונדזער ליד
איז פֿאַר אונדז, פֿאַר אונדז אַ גליק.

זיך געיאָגט און זיך געטריבן,
איצטער אין דער שול פֿאַרשריבן,
אונדזער, אונדזער, אונדזער ליד
איז פֿאַר אונדז, פֿאַר אונדז אַ גליק.

אונדז אָדער אונדזער?
קום צו ___ אין שול.
אין ___ שול איז פרײלעך.
___ לערער האט ליב די קינדער.
קום צו ___

דער זיידע און די באָבע

אין אַ קאַלטן ווינטער-טאָג,
אין הויז באַ דעם זיידן,
געזעסן זיינען אייניקלעך.

— שטיל, מען טאָר נישט רעדן —
האָט די באָבע זיי געזאָגט,
— ווייל דער זיידע שלאָפט אין בעט.
זי האָט זיי געגעבן שאָקאָלאַד,
געקושט זיי און געגלעט.

— באָבע, באָבע, איך בין שטיל,
אַ יאָ, איך וועל ניט רעדן!
האָט אַן אייניקל אויסגעשריען
און אויפגעוועקט דעם זיידן.



1. 2. 3. 4. 5. 6. 7. 8. 9. 10.
11. 12. 13. 14. 15. 16. 17. 18.

מיר צײלן

אײנס און אײנס איז —
צװײ.
צװײ און אײנס איז —
דרײַ.
דרײַ און צװײ מען שטעלט באַנאַנד,
אַזױ פיל פינגער האָט די האַנט.

באַרג איך אױס פון צװײטער האַנט
דאָס קלײנע פינגערל אַלײן,
װיפיל װעט עס איצטער זײַן?

שטעל איך צו אײן פינגער נאָך
האָב איך אַלע טעג אין װאָך.

אַ װיץ

מאַמע: סעמי, רעכן ניט אַף די פינגער.
סעמי: װי אַזױ זאָל איך רעכענען?
מאַמע: מיטן קאָפּ.
סעמי: װי קען איך רעכענען מיטן קאָפּ, אַז איך האָב נאָר אײן קאָפּ?



מאַמע: וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט, הערשל?

הערשל: דער לערער איז היינט געווען בייז אויף מיר.

מאַמע: וואָס איז?

הערשל: דער לערער האָט געפרעגט, וויפיל איז 3 מאָל 4.

מאַמע: האָסטו אים ניט געקאָנט זאָגן, אַז עס איז 12?

הערשל: איך האָב אים שוין געגעבן 14, און ער האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט.

שרייב אַריין די ציפער צו יעדן וואָרט:

דריי 3 — דרייצן 13

זיבן 7 — עלף ___

צען 10 — צוואַנציק ___



מיין קעצעלע

פאַראַן באַ אונדז אַ קעצעלע
אַ קליינינקס אַזאַ-אָ.
די מאַמע זאָגט : דאָס טויג אונדז ניט,
מיר אָבער טויג עס יאָ.

די מאַמע האָט דאָס קעצעלע
פאַר מייזעלעך געבראַכט.
שפּילט זיך דאָס אַ גאַנצן טאָג
און שלאָפט זיך גאָר באַנאַכט.

אַך, איז דאָס אַ לעבעדיקס !
איך שפּיל מיט דעם אין האָף.
עס דראַפּעט מיר די שיכעלעך
און קריכט מיר אַפן קאָפּ.

די קאַץ און די מויז



אין אַ קעלער פון אַ הויז
שפּילט זיך אַ קאַץ מיט אַ מויז:

בייסט קאַץ אָפּ מייזעלעס עק
און לויפט אַוועק.
כ'בעט דיך, קאַץ, זאָגט מייזעלע, גיב מיר אָפּ מיין עק. ענטפערט קאַץ: גיב מיר מילך. אַז מייזעלע האָט דאָס דערהערט —



איז זי צוערשט געשפּרונגען,
דערנאָך געלאָפן, —
ביז זי האָט אַנטקעגן
אַ קו געטראָפן.

כ'בעט דיך, קו, זאָגט מייזעלע, גיב מיר מילך. די מילך וועל איך צו דער קאַץ נעמען, וועט זי מיר אָפּגעבן מיין עק. זאָגט די קו: גיב מיר היי. אַז מייזעלע האָט דאָס דערהערט —



איז זי צוערשט געשפּרונגען,
דערנאָך געלאָפן, —
ביז זי האָט אַנטקעגן
אַ פּאַרמער געטראָפן.

כ׳בעט דיך, פּאַרמער, זאָגט מייזעלע, גיב מיר היי.
זאָגט דער פּאַרמער: גיב מיר ברויט. אַז מייזעלע
האָט דאָס דערהערט —

איז זי צוערשט געשפּרונגען,
דערנאָך געלאָפן, —
ביז זי האָט אַנטקעגן
אַ בעקער געטראָפן.

כ׳בעט דיך, בעקער, זאָגט מייזעלע, גיב מיר ברויט.
זאָגט דער בעקער: גיב מיר מעל. אַז מייזעלע
האָט דאָס דערהערט —



איז זי צוערשט געשפּרונגען,
דערנאָך געלאָפן, —
ביז זי האָט אַנטקעגן
אַ מילנער געטראָפן.

כ׳בעט דיך, מילנער, זאָגט מייזעלע, גיב מיר מעל.



גיט דער מילנער מייזעלען מעל.
דאָס מעל נעמט מייזעלע צום
בעקער, גיט ער איר ברויט. דאָס
ברויט ברענגט מייזעלע צום
פּאַרמער, גיט ער איר היי. דאָס
היי טראָגט מייזעלע אַוועק צו
דער קו, גיט זי איר מילך. די מילך
נעמט מייזעלע אַוועק צו דער קאַץ,
גיט די קאַץ מייזעלען אָפּ איר עק.

מייזעלע כאַפּט דעם עק
און לויפט אַוועק!

אַ יאָנטעוו? why

— הײַנט, קינדער — זאָגט דער לערער — איז באַ אונדז אַ יאָנטעוו.

— אַ יאָנטעוו?

— יאָ, אַ יאָנטעוו.

— אַז אַ יאָנטעוו, טאָ פאַרוואָס לערנען מיר?

— ווײַל דאָס איז אַזאַ יאָנטעוו.

— וואָס פאַר אַ יאָנטעוו?

— מיר האָבן געענדיקט דעם אַלעפבייס. מיר קענען שוין אַלע אויסיעס. מיר קענען שוין איצט לייענען און שרײַבן.

מיר קענען לייענען אַ ביכל און שרײַבן אַ בריוול.

איז דאָס ניט קיין יאָנטעוו?

אַלעפבייס אַס אויסיעס

דער אַלעפבייס

א אַלעף איז אַן אַרבעטער.

ב בייס איז אַ בעקער.

ג גימל איז אַ גערטנער.

ד דאַלעד איז אַ דאַך.

ה היי איז אַ הענדלער.

וו וואָוו איז אַ וועכטער.

ז זייען איז אַ זינגער.

ט טעס איז אַ טרעגער.

י יוד איז אַ יעגער.

כ כאַף איז אַ כאַלע.

ל לאַמעד איז אַ לערער.

מ מעם איז אַ מילנער.

נ נון איז אַ נייטאָרן.

ס סאַמעך איז אַ סטרייקער.

ע אייען איז אַן ערד-אַרבעטער.

פּ פּיי איז אַ פּויער.

פ פיי איז אַ פידלער.

צ צאַדיק איז אַ ציג.

ק קוף איז אַ קאָפּ.

ר רייש איז אַ רויז.

ש שין איז אַ שניידער.

ק ם ן ף ץ

צו די לערער:

„מיין אַלעפּביים" דאַרף באַדינען דאָס ערשטע האַלב־יאָר פון ערשטן קלאַס.

עס איז צונויפגעשטעלט אַזוי, אַז מען זאָל קענען דערביי באַנוצן דעם וויזועלן, דעם פאָנעטישן און, אַמבעסטן — דעם עקלעקטישן מעטאָד.

קימאַט אַף יעדן זייטל ווערן ארויסגערוקט איינער אָדער צוויי קלאַנגען. די ווערטער, וועלכע אַנטהאַלטן די באַטרעפנדע קלאַנגען, ווערן אַרויסגעהויבן אין טעקסט פון זייט.

יעדעם זייטל האָט אַ געבונדענעם אינהאַלט, קעדיי דאָס קינד זאָל ניט דאַרפן לערנען אָפּגעריסענע ווערטער אָדער קלאַנגען. געלייענט ווערט דער גאַנצער טעקסט, אָבער מען שטעלט זיך אָפּ אַף די אַרויסגעהויבענע ווערטער.

אַבוץ דעם געבונדענעם טעקסט אַנטהאַלט אַ זייטל אויך אַ ריי ווערטער, וועלכע גיבן אַ מעגלעכקייט פאַר איבונג איבער די געלערנטע קלאַנגען. די קלאַנגען, וועלכע ווערן אַרויסגערוקט אַף די זייטלעך, גייען ניט אין סיידער פון אַלעפּבייס, נאָר: 1) לויט דער טעמאַטיק פון די זייטלעך; 2) ביז אַ געווויסן גראַד האָבן מיר זיך געפּרואווט האַלטן אין פּרינציפּ אַרויסצורוקן פריער די קלאַנגען, וועלכע טרעפן זיך עפטער אין דער שפּראַך.

אין די ערשטע עטלעכע זייטלעך האָט די פאָנעטיק ניט געקאָנט זייער אָפּגעהיט ווערן, ווייל דאָס וואָלט שטאַרק פאַראָרעמט די טעמאַטיק פון די זייטלעך. דערפאַר דאַרפן זיי געלערנט ווערן מער וויזועל, ווי פאָנעטיש.

די ווערטער: „איך", „אין", „איז", „און" — ווערן ארויסגערוקט וויזועל אין אָנהויב פון ביכל, איידער דער „שטומער אַלעף" ווערט געלערנט. דאָס גיט די מעגלעכקייט צו נוצן מער געבונדענע טעקסטן.

דאָס שרייבן ווערט אַריינגעפירט גלייכצייטיק מיטן לייענען. דאָס שרייבן איז מער באַגרענעצט אין אינהאַלט, ווייל דאָס ערשטע האַלב־יאָר קען דאָס קינד ניט רעפּראָדוצירן אַלע ווערטער, וועלכע עס קען לייענען. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז מען דאַרף זיך באַ־

גרענעצן בלויז מיטן מאַטעריאַל, וועלכער איז אָנגעגעבן אין ביכל. דער מאַטעריאַל גיט נאָר אַן אָנווייזונג און אַ מעטאָד דעם לערער. אַנעוו דאַרף דער געשריבענער טעקסט גענוצט ווערן ניט נאָר ווי אַ שרייב־איבונג, נאָר אויך ווי אַ לייען־איבונג. קינדער דאַרפֿן זיך לערנען לייענען אַ געשריבענעם טעקסט.

אַזוי ווי אין אידישן שריפט און דרוק זיינען פֿאַראַן אַ ריי אויסיעס, וועלכע זיינען ענלעך איינער צום צווייטן (ס—ם, מ—ט און אנד.), ווערן די באַטרעפֿנדע אויסיעס אַרויסגערוקט אַף ספּעציעלע זייטלעך פֿאַר איבונג.

פֿאַרן קלאַנג „כ״, וועלכן די אַמעריקאַנער קינדער קענען ניט אַרויסרעדן, ווערט אָפּגעגעבן אַ ספּעציעל זייטל, אין וועלכן דער קלאַנג ווערט אַרויסגערוקט פֿאַר גערעדטער שפּראַך.

דאָס ביכל רוקט אַרויס 19 פֿאַרשיידענע אויפֿאַנים פֿון איבונגען, וועלכע ווערן געבראַכט אין פֿאָרם פֿון שפּיל. זיי דאַרפֿן אָבער דינען ווי ביישפּילן, וועלכע דער לערער ברייטערט אויס אין זיין קלאַס־אַרבעט.

דאָס בוך איז אַן אַרבעט־ביכל: די קינדער קענען אַריינשרייבן אינעם זייטל פֿון בוך, כאָטש מען דאַרף זיך אויך באַנוצן מיטן אַראָפּשרייבן אין העפֿט.

דירעקטיוון צו פֿאַרשיידענע אַרבעטן, וועלכע ווערן אָנגעגעבן אַף די זייטלעך, דאַרפֿן פֿאָרגעלייענט ווערן פֿונעם לערער, ווען די קינדער קענען זיי נאָך אַליין ניט לייענען.

אַזעלכע זייטלעך ווי — 12, וואו אונטער אַ בילדל ווערן אָנגעגעבן צוויי ווערטער (ענלעכע וויזועל, ווי: עטל—עפּל), קענען באַנוצט ווערן ווי אַ איבונג אין שטיל־לייענען. דאָס קינד דאַרף שטעלן אַ צייכן לעבן וואָרט, וואָס ווערט אילוסטרירט דורכן בילדל.

אַ צאָל טעקסטן, ספּעציעל די, וועלכע ווערן אָנגעגעבן אין פֿערזאָנען, קענען גענוצט ווערן פֿאַר דראַמאַטיזאַציע.

די צוזאַמענשטעלערן דריקט אויס איר אָנערקענונג צו דער נאַציאָנאַלער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע פֿון די אָרדן־שולן פֿאַר אירע קאָנסטרוקטיווע אָנווייזונגען און צו כ׳ איטשע גאָלדבערג פֿאַר זיין זאָרגפֿעלטיקער הילף באַם רעדאַגירן דאָס בוך.

די צוזאַמענשטעלערן.

אינהאַלט

קינדער (ש, ל, פּ) — 3
קוק, אַ . . . (ק, אַ, ו) — 4
שול (ט, י) — 5
אָט איז (ד—ר) — 6
עפּעלע (ע, פּ)—י. קאַצענעלסאָן — 7
מ — 8
גיט זיך די טיר — 9
קענסטו לייענען ? — 10
קום (מ—ם) — 11
פּאַפּאַ, שפּיל (מ—ט) — 12
לאַלי נעמט (נ—ן) — 13
ן—ו ? — 14
איך און דו—ב. פרידמאַן — 15
אַ אידישע שול — 16
אָט איז אַ (אַ—אָ)—נ. ווייסמאַן — 17
לאָמיר טרעפן — 18
דער טאַטע (ס) — 19
גראַמען — 20
וואַש —ב. פרידמאַן — 21
ווען ווערט — 22
לאָמיר טרעפן (ס—ם) — 23
בענים הונט — 24
אָט איז אַ — 25
ווען בילט ?— י. קאַמינסקי — 25
פּ אָדער פ ? — 26
ווען איז דער „פּ" ? —
י. קאַמינסקי — 26
אין גאַס (ג) — 27
נ—ג — 28
גיב אַ קוק — 29
מיטן זעגעלע — 30
ג—ז — 31
אַרבעט — ב. פרידמאַן — 32
אַ פּאַרם — 33
מיכל (כ) — א. שטיינבאַרג — 34
באַנע לאַכט (כ) — 35
אַ שוסטער (ך) — ב. פרידמאַן — 36
אַלע לאַכן (כ—ך) — 37
ב—כ, ד—ך — 38
ניי, ניי, ניי (ײ) — 39
די מאַמע נייט — 40
אַ פייער (ײַ) — 41
ײַ—ײ — 42
דער האַרבסט — 43
שנעל געטראַכט — 44
אַ כאָלעם — 45
דערקלער —
„גרינינקע ביימעלעך" — 45
גרויס—קליין — 46
דער זייגער — 47
אַ הויז (וי) — ב. פרידמאַן — 48
מאָל איך (אוי) — נ. ווייסמאַן 49
דער קליינער שניידער —
ש. וואַסערמאַן — 50
געכאַפּט ! — 51
קעצל און הינטל (צ, ץ) —
ס. באַרקאַן — 52
די באָבע צירל (פון ענגליש) 53
די בעקער — 54
יאַ. יאָ — 55
הוידלקע — מ. שיפרים — 56
יאַם איז טיף (פ—ף) — 57
פּ אָדער ף ? — 58
קאַרוסעלן — י. גויכבערג — 59
ווער בין איך ? —
י. קאַמינסקי, נ. ווייסמאַן 60
ער קען ניט — 61
טרעף — „גרינינקע ביימעלעך" 61
די קליינע קעכן — ד. ראָדין — 62
ווער בין איך ?—י. קאַמינסקי 63
וואָס טוט —
„גרינינקע ביימעלעך" — 64
פון פרימאָרגן—ב. פרידמאַן — 65
אָן אַ נעזל—י. קאָטלער — 66
מאָטל — לויט ליטמאַן — 67
שול-ליד — 68
דער זיידע און די באָבע —
י. קאָטלער — 69
מיר ציילן — ש. וואַסערמאַן — 70
אַ וויץ — לויט באַסטאָמסקי — 70
געשפּרעך — 71
מיין קעצעלע — ל. קוויטקאָ — 72
די קאַץ און די מויז — 74-73
אַ יאָנטעוו — 75
דער אַלעפבייס — 77-76
צו די לערער — 79-78
אינהאַלט — 80